Vide/Confession / יקצאַדרצם צמנצי װפ

Author(s): Yente Serdatzky

Source: *Bridges*, Fall 1990/5751, Vol. 1, No. 2 (Fall 1990/5751), pp. 79-92

Published by: Bridges Association

Stable URL: https://www.jstor.org/stable/40358484

JSTOR is a not-for-profit service that helps scholars, researchers, and students discover, use, and build upon a wide range of content in a trusted digital archive. We use information technology and tools to increase productivity and facilitate new forms of scholarship. For more information about JSTOR, please contact support@jstor.org.

Your use of the JSTOR archive indicates your acceptance of the Terms & Conditions of Use, available at https://about.jstor.org/terms

is collaborating with JSTOR to digitize, preserve and extend access to *Bridges*

JSTOR

This content downloaded from 89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

# ווידוי

## פֿון יענטע סערדאַצקי

איין מאָל האָב איך באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן מען לאַדט מיך אײַן קומען אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ זיך דורכצורעדן. אונטערגעצייכנט איז געווען אַ פֿרויען־נאָמען, אַ גאַנץ אומבאַקאַנטער פֿאַר מיר.

געגאַנגען בין איך מיט אַ גערייצטער פֿאַנטאַזיע. מיר האָט זיך נאָר געדאַכט, אַז אַ רײַכע קרובֿה האָט זיך פֿון ערגעץ אָפּגעזוכט און וויל מיך גליקלעך מאַכן. אָבער דאָס איז ניט וויכטיק, ווײַל דערציילן וויל איך איצט ניט פֿון זיך.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך איבערגעטרעטן דעם צימער, מיט אַ שנעלן בליק אַלץ אַרומגעכאַפּט. אַ גרויסער, לופֿטיקער צימער, צוויי פֿענצטער אין גאַנצן אָפֿן, קוקן אַרויס אויף אַ גראָזיקן פּלאַץ. אַ בעט, אַ ווײַסער קאַמאָד, אַ טישל, שטולן, אַ וויגשטול און די איבעריקע הנאהדיקע קלייניקייטן מיט וואָס עס צירט זיך געווײנלעך אויס איר אײַנזאַמע וווינונג די אינטעליגענטערע רוסיש־ייִדישע פֿרוי.

„העלאָ, העלאָ" – איז מיר די אומבאַקאַנטע אַנטקעגנגעקומען און מיט שוועסטערלעכער ליבשאַפֿט, אַ דריק געטאָן מײַן האַנט.

איך האָב אַלץ גיך פֿאַרשטאַנען. די פֿרוי איז אַ שווינדזיכטיקע, די פֿיבער־רויטקייט אויפֿן פּנים האָט מיר עס דערציילט. כ'האָב זי גלײַך „אָפּגעשאַצט": דרײַסיק יאָר, מיטלהויך, צאַרטע הנאהדיקע באַוועגונגען, לאַנגע, שיינע האָר, און אויגן גרויסע, ווײַטזעענדיקע, דורשטיקע און וווּנדערלעך שיינע.

זי האָט מיר אָנגעוויזן אַ שטול, מיר האָבן זיך געזעצט איינע אַנטקעגן די אַנדערע.

– מ'רופֿט מיך מיס מערי רובין, האָט זי אָנגעהויבן אײנפֿאַך, אָבער איך בין ,מיסעס'. אַ יאָר צײַט האָב איך געוווינט אין איין צימער מיט מײַן ,פֿרײַנד'; וועגן דעם שפּעטער. איך וואָלט זיך אַנטשולדיקט פֿאַר מײַן שיקן אײַך רופֿן. מײַן קראַנקהייט אָבער, גיט מיר געוויסע פּריווילעגיעס. איך האָב אײַך ניט געקענט; דאָ בין איך אויף אַן אָרט, ווערט מיר שלעכט האָב איך מײַנע מעדיצין, מײַן בעטל. מײַן דערציילן וועט מיך געוויס אויפֿרעגן.

איך האָב זי אָנגעקוקט מיט נײַגעריקייט. זי האָט מיך פֿאַרכאַפּט: „ס'איז נייטיק, זייער נייטיק געווען איך זאָל מיך פֿאַר אײַך אויסריידן. עס דריקט ווי אַ שטיין אויף דער נשמה... בײַ קריסטן גלויביקע ברענגט מען אַ גלח פֿאַרן שטאַרבן, יעדער האָט דאָך אַזוי פֿיל צו זאָגן פֿאַרן טויט. אַך, ווען איך וואָלט געקענט דורך שרײַבן, אָדער דורך אַן אַנדער אַרט אַרויסגעבן מײַנע איבערלעבונגען, און געדאַנקען!...

זי האָט זיך פֿאַרקוקט אין דער לופֿטן. איך האָב, מיט גערייצטער נײַגעריקייט



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

אײַנגעגעסן אין איר מײַן געדאַנק. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, מיך שאַרף אָנגעקוקט, און זעענדיק מײַן אויפֿמערקזאַמקייט, האָט זי אָנגעהויבן דערציילן:

– כ׳וועל מוזן אָנהייבן אַ ביסל פֿון מײַן ביאָגראַפֿיע. איך קום פֿון רוסיש-פּוילן, פֿון אַ מיטל-גרויסער שטאָט. מײַן פֿאָטער געדענק איך ניט, איך בין קוים זעקס יאָר אַלט געווען, ווען ער איז געשטאָרבן. דערפֿאַר געדענק איך גוט מײַן מוטער. אַ פֿאַרמעט-הויטיקע, אַ פֿאַרעלטערטע, אַ שוואַכע, האָט זי שטענדיק געדאַרפֿט דערנערן אירע קליינע און גרעסערע קינדער. דערצויגן בין איך דורך שלעכטער דערערונג, ווייניק לופֿט, און איר ווייסט דאָך דעם גאַנצן צעטל פֿון די אָרעמע הײַזער. אין אונדזער קוואַרטאַל זײַנען אָבער אַזעלכע הײַזער קיין נײַעס ניט געווען, דערפֿאַר האָט עס מיך ניט צו שטאַרק געאַרט.

– איך בין שיין געוואַקסן, מיט אַ מונטערן גײַסט און מיט ניט קיין מיאוסן פּנים.

– צו מײַן צוועלפֿטן יאָר בין איך שוין געווען אַ גאַנצע פֿאַרדינערין. ווען בײַ אונדז אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג, בין איך אַלט געווען זיבעצן יאָר.

– איך בין געוואָרן איינע פֿון די ערשטע מיטגלידער. קיין גרויסע חכמות האָב איך ניט געוווּסט; ס׳איז פֿאַר מיר גענוג געווען דער פֿאַקט. אַז מ׳צווינגט מיר צו לעבן געדריקט און אָרעם, אין דער צײַט ווען איך בין באַרעכטיקט צו לעבן גוט און פֿרײַ... די רעכט האָט מען באַדאַרפֿט אויסקעמפֿן און דאָס האָב איך געטאָן.

– כ׳האָב געטאָן וואָס אַלע מײַנס גלײַכן: פֿאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס, באַזוכן פֿאַרזאַמלונגען, די ‚בירזשע׳... אָבער איר ווייסט דאָך שוין די אַלע זאַכן.

– אויפֿן ‚בירזשע׳ בין איך געגאַנגען מיט אַ באַזונדערן פֿאַרגעניגן. מײַן ברוסט האָט געאָטעמט די פֿרישע לופֿט, מײַן פּנים האָט געפֿלאַמט, מײַנע אויגן האָבן געלויכטן. דאָרט פֿלעג איך מיך טרעפֿן מיט מאָטקע דעם מאָליער, און מיט שלמהקע דער שנײַדער, און הענאַכקע דער בעקער פֿלעגט ניט אָפּטרעטן פֿון מיר...

מערי האָט אַ זיפֿץ געטאָן און, נאָך אַ קורצער פּויזע, ווײַטער דערציילט:

– דרײַ יאָר האָט עס מיר אַזוי אָנגעהאַלטן. נאָך דעם האָט מען מיר געזאָלט אַרעסטירן. די מאַמע האָט טאָג און נאַכט געוויינט איבער מיר. צוויי ברידער האָב איך שוין געהאַט אין אַמעריקע, האָבן זיי געשיקט אַ שיפֿקאַרטע מיט הוצאָות, און איך בין אַהער געקומען. צוואָנציק בין איך דעמאָלט אַלט געוואָרן.

– דאָ האָב איך מיך גיך אײַנגעלעבט. מײַנע ברידער ווינען אין אַ קאָונטרי, האָב איך בײַ זיי ניט געוואָלט בלײַבן, בין איך געקומען אין שטאָט. אָנגעהויבן גוט פֿאַרדינען און געדונגען אַ צימער בײַ היימישע לײַט. מײַן גײַסטיקן לעבן האָב איך אויך גיך אײַנגעאָרדנט: כ׳האָב מיך אָנגעשלאָסן אין דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי און בין געוואָרן טעטיק. איר ווייסט דאָך די טעטיקייט: אונטערנעמונגען, טיקעטס פֿאַרקויפֿן, שטייען בײַם ‚באַר׳ און אַזוי ווײַטער.



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

– און שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד די הייסע צײַט. געלט איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט, די אונטערנעמונגען זײַנען געוואָרן אָפּטער און די אויפֿרעגונג גרעסער און גרעסער.

מערי האָט זיך פֿאַרטראַכט. די רויטע פֿלעקן אויף איר געזיכט זײַנען געוואָרן בולטער, אַ הוסט האָט זי דערגריפֿן, זי איז אויפֿגעשטאַנען און זיך גענומען פּאָרען בײַ די מעדיצין.

אַ פֿאַרגאַפֿטע האָב איך זי נאָכגעקוקט.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג. דורך די אָפֿענע פֿענצטער האָבן זיך אַרײַנגעגליטשט זון־שטראַלן (ס'איז אָנהייב פֿרילינג געווען). מײַן פֿאַנטאַזיע האָט שנעל געאַרבעט און געוועבט דאָס שפּעטערדיקע פֿון איר לעבן: „פֿאַרליבט אין אַ פֿאַרהייראַטן מאַן... אָפּגענאַרט געוואָרן פֿון אַ שופֿט... געליבט און ניט געענטפֿערט געוואָרן"... איך האָב דערוואַכט ווען מערי איז שוין געזעסן אַנטקעגן מיר. זי האָט דערציילט:

– מיט דער שטילקייט פֿון רוסלאַנד איז דאָ נאָך שטילער געוואָרן. דעמאָלט בין איך אַלט געווען פֿיר־און־צוואָנציק יאָר. חתונה האָבן האָב איך אַלע מאָל געוואָלט און געקלערט וועגן דעם. קיין גרויסע איבערקלײַבערין בין איך אויך ניט געווען. אין דער היים וואָלט איך מיך צוגעקליבן מאָטקען אָדער הענאַכקען. אַ פּאָר יאָר פֿאַר מײַן אַוועקפֿאָרן האָבן זיי דאָרט חתונה געהאַט מיט מײַנע חבֿרטעס. מיר האָט עס ניט געאַרט. דאָ האָב איך מיך צוגעקליבן לייבקע דעם שלאָסער. מיר האָבן געזאָלט חתונה האָבן. נאָכדעם האָבן מיר זיך צעווערטלט; האָט אים ,אויסגעכאַפּט' העלען. דאָס האָט מיך אַפֿילו יאָ פֿאַרדראָסן: זי איז אַ היימישע קורסיסטקע און אַ גאַנץ שיין מיידל; נאָר לאַנג האָב איך ניט געזאָרגט איך האָב אָנגעהויבן אַרומגיין מיט שלמהקע דעם טאָקער. שלמהקע איז אָבער שפּעטער אַוועקגעפֿאָרן (אויב איר האָט זיך צוגעקוקט, איז דעמאָלט בײַ די בחורים געווען אַ מין עפּידעמיע ניט צו קענען אײַנזיצן אויף איין אָרט). געשריבן האָט ער מיר ניט, און ער איז ניט געווען מחויבֿ, ווײַל קיין פֿאַרשפּרעכן איז נאָך בײַ אונדז ניט געווען.

– צו מײַן פֿיר־און־צוואָנציקסטן יאָר האָב איך קיינעם ניט געהאַט. איך בין געוואָרן אומעטיק. איך האָב אָנגעהויבן צו פֿיל קוקן אויף מײַן געשטאַלט אין די שויפֿענצטער, און די שפּיגלען האָבן מיר געוויזן אַ ביסעלע צו מאָגער, אַ ביסעלע צו לאַנג די נאָז... אַ ביסל אויסגעסטאַרטשעט די באַקן־ביינער... מיט ביטערקייט פֿלעג איך קומען צולויפֿן אַהיים. אין דער היים פֿלעג איך אַראָפּוואַרפֿן דעם קאָרסעט, צופֿלעכטן מײַנע האָר, און איך פֿלעג ווערן פֿרייליכער: די שיינע געדיכטע האָר פֿאַסט אײַן דאָס בלייכע געזיכט און מאַכט עס ווונדערבאַר אינטערעסאַנט, און מײַנע שוואַרצע אויגן גלאַנצן, און די ציינער אַזוי ווי פּערל, און אַ זיסע האָפֿענונג פֿילט איבער דאָס האַרץ...



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

– איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ חתן.

די רויטע פֿלעקן אויף מעריס געזיכט האָבן אויפֿגעפֿלאַמט, די אויגן האָבן געגלאַנצט, זי האָט אָנגעהויבן רעדן אָפּגעהאַקט ווי מ׳רעדט וועגן אַ זייער ניט אָנגענעמער זאַך.

– אַ חתן זוכן... כאַ־כאַ... ווער ווייסט דעם טעם? קומסט אַהיים אַ מידע, באַוויַיזט ניט אָפּצועסן, שפּאַנסטו זיך איַין אין די הויכע שיך און ,שבתדיקן׳ קאָרסעט, און לויפֿסט...וווּהין? אָסור אויב מ׳ווייס. מ׳לויפֿט צו פֿאַרזאַמלונגען, צו לעקטשורס, צו מיטינגען, אין טעאַטער... אומעטום אַוווּ מען קען נאָר טרעפֿן אַ פֿריַינד אין הויזן... כאַ־כאַ, ווי ביטער און מיאוס דאָס איז... אָבער מ׳טוט עס דאָך... מ׳טוט וויַיל מ׳דאַרף, מ׳מוז עס טאָן. און אַהיים קומט מען שפּעט אַ מידע, אַ ביטערע, אַן אַנטוישטע: צוואָנציק מיידלעך אויף איין בחור, און אַלע, דאַכט מיר, זענען שענערע און מער ווערטע ווי איך... און קינס צייכן טראָגט מען אויפֿן שטערן: אַלע לייענען אַז מ׳וויל אַ חתן, אַלע פֿאַרטראַכט דערפֿאַר, די מילדערע לאַכן מיטן בייזן ציַנישן געלעכטער... אַך, מיאוס, מיאוס...

מערי איז רויִקער געוואָרן.

– איצט וועל איך איַיך פּרווון ,מאָלן׳ ריכטיק מיַין לאַגע: איך בין אַ פּראָסט מיידל, ניט איינגעוווינט צו פֿילאָזאָפֿירן, אָדער, ווי איַיערע שריַיבן, צו זוכן דעם תּכלית פֿון לעבן... ביכער לייען איך ייִדישע און עפּעס ציט מיך צו לייענען אַזעלכע וווּ ס׳ווערט וואַרעם באַשריבן דאָס ליבע און צוזאַמענלעבן... מיַין רעכענונג איז אַ פּראָסטער: פֿון קיין זאַך ווערט ניט אַזוי שיין געשריבן ווי פֿון ליבע, – מסתּמא איז עס דאָך גוט. פֿון די קליגסטע רעדנער און לעקטשורערס הייבט אָן דער קאָפּ צו שווינדלען און מ׳הייבט אָן גענעצן, אָבער קיין מאָל ווערט ניט מיאוס הערן די חכמהלעך פֿון אַ יאָר אָדער צוויי אַלט קינד. מסתּמא איז דאָך דאָס בעסער. און גרויסע, קלוגע געלערנטע מענטשן האָב איך געזען ווי זיי שפּילן זיך מיט קינדער, און אינטעליגענטן, פֿאַרטאָגנענע אין הויכע שטרעבונגען, האָבן אויסגעבויט נעסטן, און אַז זיי טוען אַזוי – מסתּמא איז עס דאָך דאָס גליק און תּכלית אין לעבן... און דעם תּכלית, אוי, האָב איך עס געוואָלט!

– און אַזוי וועל איך איַיך וויַיטער דערציילן: איך ווין ביַי אַ לאַנדספֿרוי, אַן אַלמנה, האָט זי פֿינף קינדער. די עלטערע צוויי זיַינען מיידלעך, ווילע, גראָטענע מיידלעך, איינע איז פֿיר־און־צוואָנציק, די אַנדערע – אַ פּאָר יאָר ייִנגער. ביַי דער מוטער גרויען די האָר ווען זי קוקט אויף זיי, און זיי גייען צו פֿאַרזאַמלונגען. אַ חבֿרטע האָב איך, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אַזוי ווי אַ הויפֿדאַמע קוקט זי אויס. אַן עלנטע איז זי דאָ. פֿאַרדינט אַפֿילו ניט שלעכט. און זי גייט אויך אויף פֿאַרזאַמלונגען. און נאָך אַ חבֿרטע האָב איך, בערטאַ רופֿט מען זי, אַ קליינע, אַ דאַרע איז זי, אָבער אַ געזיכט אַ בלייכן, אַן איידעלן, אַ מאַדאָנען־געזיכט. גייט זי אויך מיט אונדז. קיין אונטערנעמונג



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

לאָזט זי ניט דורך... און בײַ אַ רוסישער פֿאַמיליע קום איך אָפּט, אַן אינטעליגענט הויז, מיט אַ פּיאַנאָ און מיט קאַרפּעטס; אַן אינטעליגענט אַלט פּאָרפֿאָלק, פֿינף טעכטער און איין זון. דער זון שפּילט באָל און די טעכטער גייען אויף פֿאַרזאַמלונגען...

איך האָב זי ביייז איבערגעשלאָגן:

– קומט אויס בײַ אײַך, אַז די פֿאַרזאַמלונגען, וואָס ווערן געמאַכט, איז נאָר אַ מאַרק צו זוכן חתנים?

מערי האָט מיט כּעס געצילט צוריק:

– איך ווייס ניט אײַערע פֿילאָזאָפֿישע פּלענער, – איר קול האָט געציטערט פֿון אויפֿרעגונג – איך ווייס נאָר, אַז דרײַ-פֿערטל פֿון די פֿאַרזאַמלטע בײַ אײַערע „היייליקטימער' זײַנען איינזאַמע מיידלעך און פֿרויען. און אַ מענטשן וואָס פֿעלט ביידע הענט איז נאַריש צו שטופּן אַ הייליקע וואַפֿע און זאָגן: „גיי אין קאַמף!'

מערי האָט געלייענט חרטה אין מײַן בליק; איר קול איז ווייכער געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן דערציילן אומרויִק און גיך:

– מילא, ווו איך בין געקומען, האָב איך אַלץ געטראָפֿן מיידלעך און מיידלעך, און שיינע, און גראָטענע, און אינטעליגענטע. אומעטום – אין שאַפּ, אין די שטיבער, אין אָוונט-סקול, און ווער רעדט – אויף פֿאַרזאַמלונגען?... און די סטאַטיסטיק האָט געזאָגט, אַז אַכט פֿרויען קומען אויס אויף איין מאַן; און איר ווייסט דאָך – אין וואָס מען איז אַרײַנגעטאָן, דאָס זעט מען מער? עפּעס האָב איך געהערט, כ'געדענק ניט ווו; אַז איבער דער גאַנצער וועלט ווערן געבאָרן מער ווײַבער ווי מענער, ווײַל מענער זײַנען צו דער חתונה שוואַך, אויסגעשאַרלאַטאַנעוועט, אין דער צײַט וואָס די פֿרוי איז ריין און שטאַרק... די סיבה אָבער האָט מיר ניט געאַרט, ווײַל געליטן האָב איך נאָר פֿון פֿאַקט...

מערי האָט אָפּגעזיפֿצט און אָנגעהויבן רעדן געלאַסן און אומעטיק:

– אַ פּאָר באַקאַנטע בחורים האָבן מיר געהאַט. גליקלעכע „הויזן-טרעגער'! ווו זיי קומען אַרײַן, עפּנט זיך אַ פֿרײַע וועלט פֿאַר זיי. שוין ניט רעדן די באַנאַלע טענות, אַז דער מאַן לעבט זיך גרינגער און פֿרײַער, אָבער אויך פֿרײַנד האָט ער מער: יעדע מיסיס האָט אַ שוועסטער, אַ קרובֿה, אַ לאַנדסמיידל, וועלכע זי וואָלט גערן אַ טובֿה טאָן. איז די מיסיס מקרבֿ די פּאָר באַקאַנטע בחורים. ווו זיי קומען איז פֿאַר זיי פֿרײַ די „פּאַרלאָר', די וויגשטול, פֿרוכט און צובײַסן, דער פֿרײַנדלעכסטער שמייכל, די שענסטע קאָמפּלימענטן, דאָס וואַרעמסטע וואָרט. און אונדז? – אויף מיר האָט קיינער ניט אויסגעקוקט, פֿאַר אַ פֿרײַנדלעכע אויפֿנאַמע, פֿלעג איך מוזן דער מיסעס אויפֿנייען אַ קלייד, קויפֿן מתּנות פֿאַר די קינדער, אויסהערן אַלע נאַרישע מעשׂות, זיצן אין קיך, ווײַל ס'איז אַ שאָד דער קאַרפּעט אין פּאַרלאָר. און נאָך אַלעמען האָט זי געהאַט עפּעס בילכערע פֿאַר מיר, קרובֿות, פּלימעניצעס, – איך בין געווען אַן איבעריקע זאַך...



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC :56 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

– דערווײַל זײַנען חדשים און יאָרן פֿאַרשווונדן. צו מײַן אַכט־און־צוואָנציקסטן יאָר בין איך נאָך געווען אָן אַ חתן, אַ כשרע כלה־מיידל...

– נאָך דעם איז אַ פֿרײַער, אַ וואַרעמער פֿרילינג געקומען. מײַן האַרץ האָט אָנגעהויבן נאָגן ביז וואַהנזין... ענג די ווענט פֿון צימער... מיאוס די מענטשן – איבערהויפּט די חבֿרטעס... אַן עקל אַרײַנצוקוקן אין אַ געדרוקט וואָרט, אַ שוואַכער אַפּעטיט, און שלאָפֿלאָזע, ווילדע, אומרויִקע נעכט...

מערי האָט אַ הוסט געטאָן. איך האָב זי, מיט שוועסטער־ליבע גענומען בײַם האַנט, טרערן האָבן אָנגעפֿילט מײַנע אויגן, כ'האָב זי געבעטן זי זאָל זיך באַרויִקן און היטן דאָס געזונט. זי האָט נערוועז אָפּגעשטופּט מײַן האַנט.

– לאָזט מיך! דאָס באַנאַלע וואָרט, געזונט, היטן. האָב איך עס דען אײַנגעהיט! איך מוז אײַך ענדיקן דערציילן.

– איך האָב מיך אָנגעהויבן באַהאַלטן פֿון מײַנע באַקאַנטע. בײַ דער אַרבעט פֿלעג איך אָפֿט אויפֿשפּרינגען ווי געביסן פֿון אַ שלאַנג... כ'פֿלעג שוין געפֿינען אַ תּירוץ צו פֿאַרלאָזן דעם שאַפּ. פֿלעג אַרומלויפֿן שעהען־לאַנג איבער פּאַרקס און גאַסן... פֿון וואָס האָב איך דעמאָלט ניט געטראַכט! אָפֿט פֿלעג איך טראַכטן פֿון זיך נעמען דאָס לעבן אָבער מײַן גאַנצע וועזן איז געווען קעגן דעם. בײַ אַזאַ געדאַנק פֿלעג איך אַראָפּוואַרפֿן מײַן גאַנצע קליידונג (דער געדאַנק פֿלעגט מיך מוטשען מער בײַ נאַכט) מײַן קערפּער איז ווײַס, יונגפֿרוילעך, אַ שיינע ברוסט... ,לעבן דאַרף איך!' און לעבן האָב איך געוואָלט.

– אָפֿט, ווען קיינער פֿלעגט אין שטוב ניט זײַן, פֿלעג איך אַרומוואַנדערן איבער די צימערן. אומעטום האָב איך געפֿונען חסרונות: – דאָ איז שטויביק, דאָ אָנגעוואָרפֿן, דאָ אָן געשמאַק אויסגעשטעלט, און איין בייבי האָט מײַן מיסעס, האַלט זי עס גאָר ניט אַזוי ריין. כ'פֿלעג אָנטאָן אַ שטובקלייד, אַ לאַנגס מיט ברייטע אַרבל, פֿלעג קוקן אין די שפּיגלען...

– איך וואָלט געווען אַ שענערע, אַ בעסערע בעל־הביתטע, – פֿלעג איך טראַכטן, – כ'וואָלט מיך אימער קליידן גראַציעז און נעט... די קינדער וואָלט איך אָנגעטאָן ווי פּופּן, דאָס בעט־געוואַנט וואָלט געווען ווײַסער ווי שניי, דאָס בעט וואָלט זײַן אויסגעצירט מיט בלומען... און... און אין קאָפּ פֿלעגט אָנהייבן שווינדלען, און, אַ האַלב־טויטע, פֿלעג איך פֿאַלן אויפֿן דיוואַן...

– און די טעג האָבן זיך געשלעפּט. דער פֿרילינג איז רײַפֿער און רייצנדער געוואָרן... מיר האָט זיך געדוכט, אַז אַלע זײַנען ווילד. און באמת, – די פּאָר באַקאַנטע בחורים זײַנען געלאָפֿן פֿון איין הויז אין דער צווייטער, צו אַלע באַקאַנטע מיידלעך אַ גוט וואָרט געזאָגט, אַ פּונק האָפֿענונג געגעבן... אָבער ניט מער. חתונה האָבן האָט זיך זיי ניט געלוינט, און באמת, מיט וועלכער פֿריִער? איינע איז בעסער פֿון דער אַנדערער;



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

און אַזוי פֿיל זײַנען פֿאַראַן!...

און נאָכדעם האָט מיך אָנגעהויבן עגבערן אַ געדאַנק. דורך די נעכט פּלעגט עס מיך מאַטערן און ניט לאָזן אָנרירן מײַן בעט...

– זאָל איך ניט אַרויסגיין אין גאַס און זיך צוקלײַבן אַ מאַן!... כ׳וועל האָבן אַ בייבי, איז ניט קיין פֿאָטער... איז אַ מאַמע אַליין גענוג... איז ניט קיין שטענדיקער... וועל איך עס טאָן נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל... האַ, די באַקאַנטע בחורים!... מכּות זיי... זיי וועלן שוואַרץ מאַכן דעם לעבן... אין דער טונקעלער נאַכט... אין גאַס, אַ ווילד־פֿרעמדן...

– און אין אַ וואָלקנדיקער מיטן־נאַכט האָב איך מיך איין מאָל אַרויסגעכאַפּט פֿון שטוב... כאַ־כאַ, שרעקט אײַך ניט: כ׳האָב עס ניט אויסגעפֿירט: דער ערשטער מאַן וואָס האָט צו מיר אַ ווונק געטאָן, האָט מיך געמאַכט אַרײַנלויפֿן צוריק אין הויז...

– און נאָכדעם – האָב איך מיט אַ קראַנקע גיכקייט, באַשלאָסן צו פֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. כ׳האָב מיך אַפֿילו ניט געזעגנט מיט מײַנע חבֿרטעס; כ׳האָב מורא געהאַט זיי זאָלן מיר ניט פֿרעגן, אויב ס׳לוינט...

---

– איך בין געהאָלפֿן געוואָרן.

– אין יענער שטאָט בין איך פֿאַרפֿאָרן צו מײַנע אַ חבֿרטע, כ׳האָב דערציילט, אַז איך האָב אין מײַן שטאָט אַ „סטעדי דזשאַב״ און פֿאַרדין צוואָנציק־דאָלאַר אַ וואָך. איר פֿאַרשטייט, אַז ס׳איז געווען ליגן.

– נאָך דעם זעלבן אָוונט בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט אַ בחור בײַ מײַן חבֿרטע אין שטוב. זי, פֿון נאַטור אַ ריידעוודיקע, האָט אַלץ וועגן מיר אויסגעפּלוידערט און וועגן מײַן סטעדי צוואָנציק דאָלאַר דזשאַב, האָט זי עטלעכע מאָל דערמאָנט. דער בחור האָט מיר גלײַך געשענקט זײַן אויפֿמערקזאַמקייט.

– דער בחור הייסט הײַמאַן. זײַנע מענערשע קליידער, וואָלט שוין, פֿאַר מיר הונגעריקע, כּמעט גענוג געווען...

– נו, נו, כ׳האָב אַ ביסל הנאה ווי אין אײַך פֿלאַמט אויף אַ פֿאַרהייראַטע, אינסטינקטיוו האָב איך געטראָפֿן די ,וואָפֿן׳, דער כּעס... צו ווולגאַר? נישקשה... ער האָט געזונגען שיינע לידער אויך, און שוואַרצע שיינע האָר האָט ער אויך, און שיינע אויגן... און וועגן אידעען און ביכער רעדט ער...

אין דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר זיך געקושט. און אין אַ וואָך שפּעטער זײַנען מיר דאָ שוין צוריק געווען. מיר האָבן געוווינט אין איין צימער, און איך בין געגאַנגען אין שאַפּ.

– איצט הערט ווי איך האָב געלעבט.



This content downloaded from 89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

– הײַמאַן איז אַ היימישער „שטיקל״ אינטעליגענט, ד.ה. אין דער היים האָט ער גאָר ניט געטאָן, נאָר אַרײַנגעקוקט אַ מאָל אין אַ בוך. ער איז אַ צאַרטער, מיט ווײַסע שיינע הענט. מײַן חבֿרטע האָט מיך געוואָרנט, אַז ער האָט שוין „געליבט״ צוויי מיידלעך, און ביידע האָבן פֿאַר אים געמאַכט אַ לעבן. מיך האָט די וואָרנונג ניט געאַרט; צופֿיל הונגעריק ביז איך געווען אין ליבע... און אויפֿן העכסטן שטאַפּל פֿון ראַדיקאַליזם האָב איך אַרויפֿגעקלעטערט. נעמלעך, ווער ס'איז שטאַרקער און פֿעיִקער דער דאַרף מאַכן דעם לעבן. קיין אונטערשייד מאַן אָדער פֿרוי.

– עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן פֿון שווערע אַרבעט. איך פֿלעג מאַכן צוועלף דאָלאַר אַ וואָך. מײַן פֿאַנטאַזיע איז ניט פֿאַרווירקליכט געוואָרן. קיין הויז האָב איך ניט געקענט אײַנאָרדענען, מיר האָבן גענומען אַ צימער. אין קיך בײַ דער מיסעס האָב איך מיך געדאַרפֿט אומדרייען אין אײַלעניש עסן צוגרייטן. און איר ווייסט דאָך, דאָס אייביקע קריגערײַ מיט די מיסעסן, וועגן אַ טעפּל וואָס מען האָט פֿאַרגעסן אויסצוװאַשן? און מײַן בעט האָב איך מיט בלומען ניט באַצירט: ס'איז זייער ענג געווען, צוויי אין איין רום און ביכער און קליידער.

– אַך, אַך, – און דאָס ערגסטע, קיין קינד האָב איך ניט געטאָרט האָבן. אַ ווײַב אַ פֿאַרדינערין – כאַ־כאַ – דרײַ ,אָפּעריישאָנס' האָב איך געהאַט אין דעם יאָר צײַט...

אַז איך בין זאַט געוואָרן מיט ליבע, האָט אַן אומצופֿרידנהייט אָנגעהויבן עסן מײַן האַרץ. „איך וואָלט דאָך געווען אַזאַ זעלטענע מוטער, אַזאַ גוטע, איידעלע הויז-ווירטין״...

– די „אָפּעריישאָנס״ האָבן מיך נערוועז געמאַכט, און כ'האָב אָנגעהויבן אָפּפֿאַלן פֿון טאָג צו טאָג.

– און נאָכדעם איז געקומען די קראַנקייט. און נאָכדעם האָט ער מיך פֿאַרלאָזט. זעט ווי דער כּעס צינדט אײַך אָן! – אַ פֿאַרדאָרבענער איז ער? – נו, רופֿט אים קנאַקניסל... איך טאָר ניט טראָגן קיין כּעס אויף די מענטשן, ס'עסט מיך אויף; איך רעכן אים צו גוטן: ,די פֿאָדערונג באַשאַפֿט דעם מאַרקעט', רעדן אין אַ ביזנעס־שפּראַך – כאַ־כאַ – וואָס דען זאָל ער טאָן? וואָס טו איך איצט, אַז איך קען אַליין קיין לעבן ניט מאַכן? האָט מיר דעם צימער געשענקט אַ רײַכע דאַמע, און צוואָנציק באַקאַנטע צאָלן צו קוואָדער אַ וואָך פֿאַר מײַן עסן. און כ'בין שוין צו דעם אויך געוווינט...

מערי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן בײַם האַרץ, אויפֿגעשטאַנען און אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער. ס'האָט אָנגעהויבן דעמערן. די שכנישע פֿענצטער האָבן זיך רויט געצונדן אַנטקעגן דער זינקענדער זון, מעריס פּנים האָט געברענט און ניט-ווילנדיק האָב איך עס צוגעגליכן צו די לײַכטנדע פֿענצטער, וועלכע ס'וועט באַלד בלינד מאַכן די נאַכט... טונקעלע שאָטן האָבן זיך געלייגט אויף די ווענט. מיר איז געוואָרן טרויעריק און אומהיימלעך.



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

מערי האָט זיך פֿאַר מיר אָפּגעשטעלט. אירע שיינע, דורשטיקע, ווײַטזעעֶנדע אויגן האָבן זיך אין מיר אײַנגעגעסן אַזוי ווי עקשנותדיק – אַזוי ווי די אויגן פֿון אַ קראַנק עופֿעלע, וועלכע בעט רעטונג בײַ דער צאַרטער ליבנדער מאַמען.

„טײַערע", – האָט זי געפֿליסטערט מיט אַ ציטערדיק קול – „שוועסטער מײַנע, וואָס איך וויל וויסן, וואָס עס לאָזט מיך ניט שטאַרבן – איז אָט די פֿראַגע: וואָס וועט ווערן פֿון מײַן גאַנצער גרופּע מיידלעך חבֿרטעס? וואָס איז זייער וועג, מיטנעמען די מיידלשאַפֿט און בענקשאַפֿט אין קבֿר אַרײַן? אָדער ווערן פּראָסטיטוטקעס און קריגן שווינדזוכט? אָדער איז פֿאַראַן נאָך אַ וועג?... איך בין ניט קיין געבילדעטע, קיין דענקערין, זאָג דו מיר, שוועסטער, ענטפֿער מיר, נעם אַראָפּ דעם שטיין וואָס דריקט מײַן האַרץ...

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטול, איך האָב אַליין ניט געפֿילט ווי איר קאָפּ איז געקומען אויף מײַן שויס, ווי מײַנע הענט האָבן געגלעט אירע זיידענע האָר. איך האָב נאָר געפֿילט הייסע טרערן בריִען מײַנע קני, און נאָך הייסערע – מײַנע אייגענע – פֿאַלן אויף מײַנע הענט איבער מעריס קאָפּ...

פֿון דעמאָלט אָן באַזוך איך זי אָפֿט. איך קום צו איר זונען־אונטערגאַנג, די שווערסטע צײַט, ווען אַ קראַנק האַרץ נייטיקט זיך אין אַ וואַרעם טרייסטנדיק וואָרט. זי זיצט אַנטקעגן מיר שטענדיק אַ שווײַגנדיקע. אירע דורשטיקע ווונדערבאַרע אויגן האַלט זי אײַנגעזאַפּט אין מיר, און איך רעד. איך דערצייל איר פֿון שיינע, רײַכע וועלטן, פֿון ברייטע הערצער איבערפֿולט מיט ליבע פֿאַר דער גאַנצער וועלט... פֿון זונען־ליכט און גליק, פֿון גלאַנץ און פּראַכט, פֿון האַרמאָניע און שיינקייט און פֿון נאָך און נאָך גוטע זאַכן און ביסלעכווײַז גיי איך אַרײַן אין מײַן ראָלע... איך הייב אַליין אָן גלויבן אין אַלץ... שטאַרק און פֿײַערדיק גלויבן, און אין בין־השמשות, צווישן די טונקעלע שאָטן אין מעריס צימער, טויכט אויף אַ נײַע וועלט פֿאַר אונדז ביידן, אַ וועלט פֿון שיינקייט, הייליקייט און גליק...



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

# VIDE/CONFESSION

*By Yente Serdatzky*

One day I received a letter inviting me to come to a specific place to talk. It was signed by a woman whose name was completely unfamiliar.

I set out with a tantalizing fantasy. I imagined that a long-lost, rich relative had suddenly turned up and only wanted to make me happy. But that's not important because I don't want to talk about myself.

My heart pounded as I crossed the room. With one glance I took it all in. A large, airy room, two wide open windows overlooking a grassy square. A bed, a white dresser, a table, chairs, a rocker, and the charming knickknacks which usually adorn the more intellectual Russian-Jewish woman's lonely apartment.

"Hello, hello" — a stranger came towards me and took my hand with sisterly warmth. I immediately understood everything. The fever pink in her face revealed the woman was a consumptive. I looked her over quickly: thirty years old, average height, delicate, charming gestures, long beautiful hair, and large, far-seeing, thirsty and extraordinary beautiful eyes.

She pointed to a chair. We sat down and faced each other.

"My name is Miss Mary Rubin," she began simply. "But I am a 'Mrs.' For a year I lived in one room together with my 'friend.' More about that later. I would apologize for asking you to come here since I don't know you, but my illness gives me certain privileges. I'm quite settled here. If I become unwell, I have my medicines, my bed. Talking will certainly upset me."

I looked at her curiously. She fascinated me. "It was necessary, very necessary that I confide in you. My story weighs upon my soul like a stone... Christians who have faith see a priest before dying. After all, everyone has so much to say before they die. Ah, if only I could express my experiences and thoughts through writing or some other art!"

She stared off into space. Excited and curious, I focused all my thoughts on her. She snapped back, looked at me sharply, and, seeing my attentiveness, began to speak.

"I must start with some biography. I come from Russian Poland, from an average-sized city. I don't remember my father. I was barely six when he died. But I remember my mother very well. Rough-skinned, old-fashioned, weak, she was constantly worried about feeding her younger and older children. I was raised under bad conditions: dense air — but, of course, you know the endless litany about poor homes. In our quarter, such homes were not news, so it didn't bother me very much.



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

"I grew up well and strong with a cheerful spirit and not a bad-looking face. By the time I was twelve, I was already a real wage earner. When the movement began in our city, I was seventeen. I became one of its first members. I had no grand ideas. One fact sufficed: I was forced to live oppressed and poor while I had a right to live well and free. This right had to be fought for and that's what I did.

"I did what everyone like me did: distributed leaflets, attended meetings, the *birzhe*... But you know all these things. Going to the *birzhe* gave me special pleasure. My lungs breathed in the fresh air, my face glowed, my eyes shone. I'd meet with Motke the Mason and with Shloyme the Tailor, and Henokh the Baker never left my side..."

Mary sighed and, after a short pause, continued: "This went on for three years. Then I was supposed to be arrested. My mother cried day and night. Two of my brothers were already in America. They sent a boat ticket, covered the expenses, and I came here. I had turned twenty.

"Once here, I adjusted quickly. My brothers were living in the country and I didn't want to stay with them. So I went to the city, began earning a good wage, and rented a room from warm, ordinary people. I also tended to my spiritual life. I joined the radical party and became active. You're familiar with this type of activism: attending events, selling tickets, standing at the bar and so on.

"And later came the turbulent years in Russia. Money was critical. The events here became more frequent and the excitement greater and greater."

Mary became lost in thought. The red spots on her face were now more visible. She began to cough, stood up and fussed with her medicines. I stared at her in amazement. It was now late afternoon. Sunbeams slipped in through the open windows (spring was just beginning). My imagination worked swiftly and spun out her later life: "Fell in love with a married man... was tricked by a scoundrel... loved but was not loved in return..." I snapped back to find Mary sitting opposite me. She spoke:

"As Russia grew silent, life here became even more quiet. I was twenty-four then. I had always wanted to get married and had thought about it. I wasn't very picky either. In the old country, I would have picked Motke or Henokh. But a couple of years before I left, they'd married my girlfriends. I didn't care. Here I picked Leybke the Locksmith. We were supposed to get married, but then we quarreled. So Helen snatched him up. This bothered me. She was a good student and quite a pretty girl. But I didn't worry long. I started going with Shlomke the Carver. But then Shlomke left. (Perhaps you noticed at that time a kind of epidemic of restlessness infected all the young men and made them incapable of staying put in one place.) Shlomke didn't write, but then he really wasn't obliged to because we'd not made any promises.

"By the age of twenty-four, I still had no one. I was lonely. I was looking at myself too frequently in shop windows and they mirrored back that I was a bit too skinny, my nose a bit too long, my cheekbones a bit too thick. Filled with bitterness, I'd run home. I'd throw off my corset, unbraid my hair and feel somewhat happier: My thick hair framed my pale face and made it terribly interesting and my black eyes glowed. My teeth were like pearls. A sweet hope would envelop my heart... I began to hunt for a husband."

The red spots on Mary's face were now inflamed. Her eyes glowed. She began to speak haltingly as if discussing something distasteful.

"Hunting for a husband... Ha! Who knows its special flavor? You come home tired, have no time to eat, force your feet into high heels and a *shabes* corset and you run... Where? Who knows? You run to gatherings, lectures, meetings and the theater — anywhere where it's possible to meet a friend in trousers... Ha! How bitter and ugly that is... But still you do it... You do it because you have to, because you must. And you come home tired, bitter, disappointed: twenty girls for every boy, and every girl looks prettier and more worthy than you... And all the while you wear Cain's mark on your forehead: Everyone can see that you want a husband. Everyone despises you for it. The kinder ones laugh at you with a mean, cynical



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

laughter... Ach, ugly, ugly..."

Mary grew calmer.

"Now I'll try to 'paint' for you my true circumstances: I was an ordinary girl, not used to philosophizing, nor, like you in your writing, looking for the essence of life... I read Yiddish books and something drew me to those which passionately describe love and wedded bliss... My conclusion was simple: Nothing is depicted as beautifully as love — therefore it probably must be good. The cleverest speakers and lecturers first make your head spin and then make you yawn. Yet no one ever tires of the wise prattlings of a one- or two- year-old child. So perhaps that's even better. I've seen how famous, clever, learned people play with children and how intellectuals generally preoccupied with lofty schemes, manage to build nests for themselves. So if they do it — then *that* is probably the essence and happiness of life... And that essence — oh, how I wanted it!

"But let me tell you more: I was living with a woman from my hometown, a widow with five children. The two older ones were sweet, able girls. One was twenty-four, the other — a couple of years younger. The mother's hair turned grayer every time she looked at them. *They* went to gatherings. I had a girlfriend, tall, slim — she looked like a court lady. She was lonely here. Though she earned a good wage, she too went to gatherings. And I had another girlfriend. Her name was Bertha. Small and thin, but her face was pale, refined — a madonna's face. She too came with us, didn't miss a single event... I frequently visited a Russian family — a home of intellectuals with a piano and carpets. An intellectual old couple, five daughters and a son. The son played ball and the daughters went to gatherings..."

I cut her off angrily: "So according to you, the gatherings which are organized serve only as markets for husband-hunting?"

Mary shot back angrily:

"I don't know your philosophical tactics," she said, her voice shaking with agitation. "I only know that three-fourths of those gathered at your 'holy shrines' are lonely girls and women. And it's foolish to force a holy weapon upon a person whose hands have been cut off and to order her: 'Go forth into battle!'"

Mary saw regret in my expression. Her voice became softer. She began speaking anxiously and quickly:

"The point is — wherever I went, I always met girls and more girls — all decent, pretty, and intelligent. Everywhere — in shops, in homes, in night school. And who speaks at these gatherings?... Statistics say that eight women show up for every man. You know how it is — when you become fixated on something, you start seeing it more often. I heard, I don't know where, that throughout the world more women are born than men because men are worn out by philandering and are weaker when they marry while women are still pure and strong. But I didn't care about the reason. I was suffering from the fact..."

Mary sighed and began to speak slowly and sadly:

"We knew a couple of young men. Fortunate 'trouser wearers'! No matter where they went, the world was ready to receive them. Let's skip the usual banal complaints that a man lives more easily and freely. The point is he also has more friends. Every 'Mrs.' has a sister, a relative, a girl from her hometown for whom she's eager to do favors. My 'Mrs.' befriended these two young men. Wherever they went, the parlor was ready with a rocking chair, fruit and snacks, the friendliest smile, the prettiest compliments, the warmest words.

"As for me? There was no one to look out for me. To get a friendly reception, I had to sew the 'Mrs.' a dress, buy presents for the children, listen to every foolish story and sit in the kitchen because, after all, it would be a pity to wear out the parlor carpet. And despite all that my 'Mrs.' still favored others over me — relatives, nieces. I was just a leftover...

"Meanwhile months and years disappeared. At twenty-eight I was still without a husband, still an eligible virgin... It was spring — free, warm. My heart ached so, I thought I'd go crazy... the walls of my room pressed in... people seemed ugly — especially my girlfriends. I felt only disgust at the prospect of reading a printed page. I had a weak appetite... insomnia... feverish and



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms



*Russian Jewish woman, turn of the century. Courtesy YIVO Institute of Jewish Research. Natalie Rubenstein Collection.*

anxious nights..."

Mary coughed. With sisterly love, I took both her hands. My eyes filled with tears. I begged her to be calm, to consider her health. Nervously, she pushed my hands away.

"Leave me alone. How banal those words: 'Consider your health.' If only I'd considered it then! I must finish telling you my story.

"I began to hide from my acquaintances. At work, I'd often jump up as if bitten by a snake... I'd find an excuse to leave the shop. For hours, I'd wander through the parks and streets... What didn't I think about during those times? I often thought of taking my life. But my whole being was against that. When I had such thoughts, I'd take off all my clothes (I was most tormented at night). My body was white, youthful, beautiful breasts... 'I need to live!' I thought. I wanted to live.

"Often, when no one was in the house, I'd wander through the rooms and find fault with everything: — Here things were dusty; there they were disorderly. The overall arrangement was in bad taste and my 'Mrs." baby wasn't kept very clean. I'd put on a long housedress with wide sleeves and I'd look in the mirror. I'd be a prettier, better housekeeper, I thought. I'd always wear graceful and well-tailored clothes. I'd dress the children like dolls. The bed linens would be whiter than snow and embroidered with flowers... And my head would begin to spin and I'd fall half-dead on the carpet...

"And so the days dragged on. Spring ripened and grew more tantalizing. It seemed to me that everyone was wild. The two young men ran from one house to another, dropping a good word to all the girls, giving each a spark of hope — but not much more. There was no advantage to getting married. Besides, who to pick first? Each girl was better than the next. And there were so many!

"During this period, I was obsessed with one thought. Night after night it tormented me, stopped me from even going near my bed... Shouldn't I just go on the street and pick up a man? I'd have a baby. So there'd be no father... a mother is enough. So there's no one steady. I'd do it again and again. Ha! Those young men! What a plague! They could only make a girl's life miserable. But on a dark night, on a street, a complete stranger...

"Once, in the middle of a moonless night I snuck out of the house... Ha! Don't worry. I didn't go through with it. The first man winked at me and I ran home... And afterwards — with sickly swiftness, I decided to move to another city. I didn't even say goodbye to my girlfriends. I was afraid they might ask me if it was worth it...

"I found help. I went to a girlfriend in another city. I explained that back home I had a steady job and earned $20 a week. You realize it was a lie. That very evening I met a young man at my girlfriend's house. She was talkative by nature and managed to disclose everything about me and mentioned my $20-a-week job a few times. The young man immediately became attentive...

"His name was Hyman. His trousers alone would have almost sufficed for someone as hungry as me... Nu, nu, I had a bit of pleasure like you describe in your writing when a married woman feels herself on fire. Instinctively, I selected my 'weapons,' the



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms

anger… Too vulgar? No matter… He sang pretty songs and had pretty black hair and also pretty eyes. And he talked about ideas and books. That first evening we kissed. A week later we were back here. We lived in one room and I went to work in the shop.

"Now let me tell you how I lived. Hyman was an ordinary, typical intellectual — that is, he did nothing at home, only occasionally looked into a book. He was delicate with pretty, white hands. My girlfriend had warned me that he'd already been 'in love' with two girls, both of whom had supported him. I ignored the warning; I was too hungry for love. Besides I had reached that highest rung of radicalism advocating that the stronger and the more able serve as the providers — no distinction between men and women.

"So began a life of hard work. I made $12 a week. My fantasy was never realized. I couldn't run a household. We had to rent a room. I had to rush to prepare our meals in the 'Mrs." kitchen. And you know what that's like — the endless quarrels with the 'Mrs.' over a pot you forgot to wash. Nor did I embroider my bed with flowers. Our life was very crowded. Two in one room with books and clothes. Ach! But the worst of it — I could not bear a child. A wife, a provider… Ha! I had three operations that year… As I became sated with love, a dissatisfaction began to gnaw at my heart. After all, I could have been such an exceptional mother, such a refined housekeeper.

"The operations had made me nervous and day by day I began to lose weight. And after that came the illness. And after that — he left. Just look how angry it makes you! You think him a scoundrel? — Nu, think what you will… I don't want to rage against people. It eats me up. I don't hold it against him. In business terms: 'Demand creates the market.' Ha! So what was he supposed to do?

"What do I do now that I can't support myself? A rich lady gave me this room as a gift and twenty acquaintances donate a quarter a week for my food. I've already gotten used to this too…"

Mary suddenly clutched at her heart, stood up and began to pace the room. It was almost twilight. The neighbors' windows glowed red with the setting sun. Mary's face was aflame and I unconsciously compared it to the windows, which would soon go blind with night… Dark shadows spread across the walls. I felt sad and strange.

Mary stopped in front of me. Her pretty, thirsty, far-seeing eyes insistently held mine — like a sick infant's eyes which beg its gentle, loving mother for rescue.

"Dear one," she whispered in a trembling voice, "sister mine, what I need to know, what does not allow me to die is this question: What's to become of my whole group of girlfriends? How will it be for them? Will they take their girlhood and longings to the grave? Or will they become prostitutes and contract consumption? Or will it be different?… I am uneducated, not a deep thinker. Tell me, sister. Answer me. Remove the stone that presses upon my heart…"

She lowered herself into her chair. I don't know how her head came to lie upon my lap, nor when my hands began to stroke her silky hair. But I could feel Mary's hot tears burning my knees and even hotter ones — my own — falling on my hands which covered her head…

Since then, I visit her frequently. I come at sundown, the most difficult time, when the sick heart yearns for a warm, comforting word. She sits opposite me — always silent. Her thirsty, wonderful eyes cling to mine and I talk. I talk about beautiful, rich worlds, about generous hearts which overflow with love for everyone, about sunlight and happiness, about glory and beauty, about harmony and beauty and many, many other good things. And little by little, my role absorbs me. I begin to have faith in everything — a strong, ardent faith. At twilight, amid the dark shadows in Mary's room, a new world rises before us both, a world of beauty, holiness, and happiness…



This content downloaded from
89.75.147.252 on Sun, 13 Nov 2022 12:17:23 UTC
All use subject to https://about.jstor.org/terms